א קולטור:
ימים־נוראָים: ראָש־השנה און יום־כּיפּור

קולטור
CULTURE

ימים־נוראָים	[יאָמים־נעראָיִם]
ראָש־השנה	[ראָשעשאָנע]
יום־כּיפּור	[יאָם־קיפּער]

הילכט	echoes
שאַלט	resounds
הײַטערט	cheers
גליק	happiness
פֿרייד	joy

The greeting card for the Jewish New Year on the preceding page was produced in New York in the twentieth century. Below is a description of the scene depicted on the card. Pay special attention to the words and phrases highlighted in purple and use them to label the image.

קולטור
CULTURE

עס איז ראָש־השנה, דער **ערשטער**[1] טאָג פֿון נײַעם יאָר. צוויי ייִדן שטייען בײַ אַ טיש, און איינער לייענט פֿון אַ **מחזור**[2] מיט די **תּפֿילות**[3] פֿון די ימים־נוראָים (די טעג פֿון ראָש־השנה ביז יום־כּיפּור). ראָש־השנה און יום־כּיפּור **דאַוונט** מען פֿון דעם **ספֿר**[4].

[1] first
[2] [מאַכזער]; [3] prayers [טפֿילעס]
[4] holy book [סייפֿער]

דער צווייטער ייִד האַלט אַ האָרן פֿון אַ **ווידער**[5] — דעם **שופֿר**[6] — און **בלאָזט**. דאָס **קול**[7] פֿון שופֿר מאַכט „טרו־טרו־טרו!“ ס׳איז שוין אַ נײַ יאָר.

[5] ram; [6] [שויפֿער]
[7] voice [קאָל]

דאָס קאַרטל הייסט אַ **לשנה־טובֿה**[8], ווײַל עס **ווינטשט**[9] אַ גוט יאָר: **לשנה טובֿה תּכּתבֿו**[10]!

[8] [לעשאָנע־טויווע]; [9] wishes
[10] [טיקאָסייווו]

Perl takes lessons in just about *everything* but has been shirking her studies lately. With the new year, however, has come renewed enthusiasm, and Perl has written cards to all of her various teachers saying so. Match the two halves of each *leshone-toyve* below.

___ **1.** טײַערער הערש, אַ גוט־יאָר! איך לערן זיך שוין אַ סך מער העברעיִש ווי אין זומער. איר ווייסט פֿאַר וואָס?	**א.** איך מיין אַז עס קומט פֿון דעם וואָס איך הער דאָס שיינע קול פֿון שופֿר אין שול! אַ גרוס, פּערל
___ **2.** טײַערע רבֿקה, לשנה טובֿה תּכּתבֿו! איך זינג שוין אַ סך בעסער איצט, אָבער איך פּראַקטיציר ווייניקער...	**ב.** אפֿשר איז דאָס אַ דאַנק ראָש־השנה טאַקע: אַ נײַ יאָר הייסט אַ נײַ ביסל געשיכטע, וואָס מיר זשורנאַליסטן מוזן רעקאָרדירן! אַל דאָס גוטס, פּערל
___ **3.** טײַערער פאָל, אַ זיס, געבענטשט יאָר! איך אַרבעט שוין אויף אַ סך אינטערעסאַנטע אַרטיקלען, וואָס איך וויל שרײַבן.	**ג.** ווײַל איך דאַוון אַלע טאָג פֿון מחזור! זײַט געזונט, פּערל

טיטל „אַ וואָרט צו ימים־נוראָים“
פֿון „דאָס יום־טובֿ־בוך“ (1933)

מחבר **חיים שויס (Hayyim Schauss)**
(גאָרזד, רוסישע אימפּעריע 1884 – לאָס־אַנדזשעלעס, פֿאַראייניקטע שטאַטן 1953)

The historian of Jewish religion **Hayyim Schauss** *immigrated in 1910 to Chicago, where he studied Bible and Semitic history. He used this training as a longtime educator at New York's Jewish Teachers' Seminary, the only Yiddish-language school for advanced Jewish studies and pedagogical training in the United States.*

This essay on the solemnity of the Days of Awe is adapted from a book by Schauss on the histories and meanings behind the Jewish calendar. The Days of Awe are the beginning holidays of the year, when the blast of the shofar, a ram's horn, calls Jews to repent. Here, Schauss describes what sets Rosh Hashanah and Yom Kippur apart, not only from other Jewish holidays but also from non-Jewish celebrations of the New Year. The included verse is from the poet Shimen Frug (1860–1916).

קולטור
CULTURE

איידער איר לייענט דעם טעקסט, באַטראַכט די ווײַטערדיקע פֿראַגעס.

1. וואָס איז דער קאָלעקטיווער נאָמען פֿון די יום־טובֿים ראָש־השנה און יום־כּיפּור (און אויך פֿון די טעג צווישן זיי)? וואָס מיינט דער נאָמען? [יאָנטויוים]
2. וואָסער **געפֿיל** האָט מען ראָש־השנה און יום־כּיפּור? צי זײַנען די יום־טובֿים, לויט שויס, מער פֿריילעך אָדער מער **ערנסט**? **פֿאַרגלײַכט** דאָס געפֿיל מיט אַנדערע (ייִדישע אָדער נישט־ייִדישע) יום־טובֿים וואָס איר **קענט**. feeling; serious; compare; know
3. דער שרײַבער ניצט אַ סך מאָל דעם פּראָנאָם „אונדז“ — **וועמען** מיינט ער? whom
4. ווען **רייניקן** זיך **אָפּ** רעליגיעזע ייִדן פֿון **זינד**? cleanse; sin

דער ערשטער טאָג פֿון יאָר

Rosh Hashanah, the first day of the Jewish month Tishrei, is traditionally considered to be the anniversary of Adam and Eve's creation. The counting of Jewish years begins with that date, and thus does not match up with the Gregorian calendar, on two levels: the Jewish year 5778, in terms of Gregorian years, is made up of the last third of 2017 and the first two-thirds of 2018.

The Jewish year is usually expressed in Hebrew letters that carry number values (somewhat like Roman numerals). For example, 5778 is written **תשע״ח** (pronounced [טאַשאָך]).

◄ CONTINUED

לייענט איבער דעם טעקסט. אויב איר **דערקענט** נישט אַ וואָרט,	recognize
רינגלט עס אַרום.	*circle it*

קולטור
CULTURE

ראָש־השנה און יום־כּיפּור זײַנען **אַנדערש** פֿון אַלע אַנדערע ייִדישע יום־טובֿים.	different
זיי טראָגן טאַקע אויך גאָר אַ **באַזונדערן** נאָמען: „ימים־נוראָים“ **פֿאָרכטיקע** טעג.	distinct; awe-inspiring
זיי זײַנען נישט פֿריילעך ווי **דאָס רובֿ** אַנדערע יום־טובֿים: זיי האָבן אַ	*most* [ראָוו]
טיפֿע ערנסטקייט, מיט אַ געפֿיל פֿון דער שווערער **אַחריות**, וואָס יעדער	responsibility [אַכרײַעס]
מענטש האָט. די ימים־נוראָים **האָבן צו טאָן** נישט מיטן נאַטור־לעבן	*have to do*
אָדער מיט אונדזער נאַציאָנאַלער געשיכטע (ווי אַנדערע ייִדישע	
יום־טובֿים), נאָר מיטן לעבן פֿון דעם **יחיד**, מיט זײַן מאָראַלישן געוויסן.	individual [יאָכעד]
ראָש־השנה איז בײַ אונדז דער **ערשטער** טאָג פֿון יאָר. בײַ אַלע אַנדערע **פֿעלקער**	first; peoples
איז נײַיאָר אַ **הוליאַנקע**. בײַ אונדז אָבער, ווען דער שופֿר בלאָזט, פֿאַלט אויף	wild party
אַלעמען אַ שטילער **אומעט** און אַ **פֿרומער ציטער**.	gloom; *pious trembling*
אַ **מרה־שחורה** שוועבט און פֿאַלט	gloom [מאָרע־שכוירע]
אויף אונדזער **שטעטל**... יונג און אַלט	small town
באַגיסט אַ שווערער, שוואַרצער **שאָטן**...	shadow
דער קול פֿון שופֿר **הילכט** און שאַלט,	sounds
דער אַלטער טאָן, די אַלטע נאָטן.	
(ש. פֿרוג)	
אָבער מיט ראָש־השנה אַליין איז מען נאָך נישט **יוצא**. ראָש־השנה איז נאָר אַ	done [יויצע]
פֿאָרשפּיל צו יום־כּיפּור — דער גרעסטער און **הייליקסטער** טאָג פֿון יאָר, דער	prelude; holiest
טאָג, ווען ייִדן רייניקן זיך אָפּ פֿון זינד. **ערשט נאָך דעם ווי** די זינד	*only after*
ווערן פֿאַרגעבן און מ'פֿילט זיך **גײַסטיק** ווי אַ נײַער מענטש, **פֿײַערט** מען	spiritually; celebrate
דעם פֿריילעכן יום־טובֿ פֿון אָנהייב יאָר: סוכּות.	[סוקעס] (see קאַפּיטל 12)

טראָגן	carry
טאַקע	indeed
גאָר אַ	*an altogether*
טיפֿע	deep
געוויסן	conscience
בײַ אונדז	*for us*
אַלעמען	everyone
שוועבט	hovers
באַגיסט	covers (as liquid), drenches
שאַלט	resounds
נאָך	still
גרעסטער	greatest
ווערן פֿאַרגעבן	*are forgiven*
יום־טובֿ	holiday [יאָנטעוו]

Answer the questions above using complete sentences.

Now read the text again, finding words you may have circled in the vocabulary list below the text. Use them to fill in your understanding of the text.

לויטן אַרטיקל אויבן, שרײַבט אָן עטלעכע פֿראַגעס וועגן ראָש־השנה און יום־כּיפּור. פֿרעגט אויס די חבֿרים!

דוגמאַ:

ווי הייסט דער ערשטער טאָג פֿון יאָר?

טיטל ,,**לשנה־טובֿהס**" (פֿראַגמענט)
פֿון ,,דער ליבער יום־טובֿ" (1958)

מחבר **זינאַ ראַבינאָוויטש (Zina Rabinowitz)**
(בענדער, רוסישע אימפּעריע 1895 – תּל־אָבֿיבֿ, ישׂראל 1965)

קולטור
CULTURE

Zina Rabinowitz *began publishing stories and poems in her twenties in Russia and continued after her 1921 arrival in New York, where she worked as a Hebrew teacher. In addition to children's literature, she wrote travelogues and historical reportage—her book* Afn veg tsu frayhayt *(On the Road to Freedom) is an account of underground Jewish immigration to Israel during the pre-state years.*

This concluding excerpt of a story from her holiday-themed book Der liber yontef *finds two best friends, Harry and Jerry, encountering each other in a grocery store. They have been quarreling at school and are not on speaking terms. How much longer can they keep up their act, with Rosh Hashanah beginning tonight, and with it the time of most-focused repentance and reconciliation?*

איידער איר לייענט דעם טעקסט, באַטראַכט די ווײַטערדיקע פֿראַגע.

וואָס טוט איר ווען איר זײַט **ברוגז אויף** אַ חבֿר? — *angry with* [בריגעז]
- איר גייט **אַוועק** פֿון דעם חבֿר? — away
- איר **בלײַבט צעקריגט** אַ לאַנגע **צײַט**? — *stay fighting*; time
- איר **בעט זיך איבער**? — *make up*

לייענט איבער דעם טעקסט.

As you read, circle any passages where you notice Harry or Jerry taking one of the conflict-resolution approaches described above.

אַז ס׳איז אונטערגעקומען **ערבֿ**[1]־ראָש־השנה, איז דזשערי **מיטגעגאַנגען**[2] מיט זײַן טאַטן העלפֿן דער מאַמען אַהיימשלעפּן די פּעק פֿון **מאַרק**[3].	[1] the eve of [ערעוו] [2] went along [3] market
אויך הערי איז מיטגעגאַנגען מיט זײַן טאַטן העלפֿן דער מאַמען אַהיימשלעפּן פֿיש, פֿלייש, און פֿרוכט אויף יום־טובֿ.	[יאָנטעוו]
ביידע טאַטעס **שטופּן זיך דורך**[4] דעם גרויסן **עולם**[5] **אײַנקויפֿער**[6], און ביידע ייִנגלעך **כאַפּן**[7] **בגנבֿה**[8] אַ קוק איינער אויפֿן צווייטן, אָבער נישט אויף לאַנג, זיי **רײַסן**[9] אַוועק די טאַטעס,—דעם **אַהין**[10] און דעם **אַהער**[11].	[4] *push through*; [5] crowd [אוילעם]; [6] shoppers [7] catch; [8] stealthily [ביגניייװע] [9] tear [10] this way; [11] that way

◄ CONTINUED

קולטור
CULTURE

— גענוג שוין[12] זײַן ברוגז! ביז וואַנען איז דער שיעור[13] צו זײַן	[12]*enough already;* [13]*what's the limit* [שיִער]
ברוגז? — בייזערט זיך[14] העריס טאַטע.	[14]*scolds*
— עס איז דאָך אַ מיצווה[15] ערבֿ־ראָש־השנה זיך איבערצובעטן, —	[15]commandment [מיצווע]
טענהט[16] דזשעריס טאַטע, — גיי זאָג אים: „לאָמיר[17] זיך	[16]declares [טײַנעס]; [17]let's
איבערבעטן צום[18] נײַעם יאָר"...	[18]for the
— זאָל[19] ער מיר[20] זאָגן! זאָל ער מיך איבערבעטן!	[19]let; [20]to me
און נאָך א מאָל שלעפט איינער אַהין און אַ צווייטער — אַהער.	
די טאַטעס זײַנען אויסער זיך[21] פֿון פֿאַרדראָס[22].	[21]*beside themselves;* [22]chagrin
צו זייער גליק[23] רופֿט אַ ייִד אויס[24] אויף אַ קול[25]: „לשנה־טובֿה!	[23]*lucky for them;* [24]*calls out;* [25]*loudly* [קאָל]
לשנה־טובהס צום נײַעם יאָר!"	
דזשעריס טאַטע שטופט זיך דורך דעם עולם צום ייִדן, וואָס	
פֿאַרקויפֿט[26] לשנה־טובֿהס און רופֿט אויס:	[26]is selling
— גיט מיר צען לשנה־טובֿהס! — דזשערי גיט אַ שלעפ זײַן	
טאַטן בײַם אַרבל[27]:	[27]sleeve
— ס'איז טאַקע אַ מיצווה זיך איבערצובעטן ערבֿ־ראָש־	
השנה?... — פֿליסטערט[28] ער צו זײַן טאַטן און כאַפט אַ קוק אויף	[28]whispers
זײַן חבֿר.	
— צי עס איז אַ מיצווה? עס איז די גרעסטע[29] זינד צו בלײַבן	[29]greatest
צעקריגט מיט אַ פֿרײַנד צום נײַעם יאָר!	
— טאָ קויף[30] עלף „שנה־טובֿהס", איינע פֿון מײַנט וועגן[31]! —	[30]buy; [31]*for me*
זאָגט דזשערי און וואַרפֿט[32] אַ שמייכל[33] צו הערין.	[32]tosses; [33]smile
— קויף אויך איינע פֿון מײַנט וועגן, פאַ!—רופֿט אויס הערי.	
די טאַטעס זײַנען אַוועק פֿאָרויס[34] און ביידע ייִנגלעך זײַנען	[34]ahead
נאָכגעגאַנגען שוין צוזאַמען[35]...	[35]together

Come up with a new title for the excerpt, based on the events described therein.

Compose your own version of the conciliatory *leshone-toyves* that Harry and Jerry decide to write one another. Use phrases from the text to wish New Year's joy and friendship and to address past foolishness. (See Perl's *leshone-toyves* in **1 גענייטונג** for more ideas.)

הער־געניטונג א־4

קולטור
CULTURE

טיטל	♫ „לשנה־טובֿה“
פּאָעט	שמואל צעסלער (Shmuel Tsesler)
	(זאַבלודעווע, רוסישע אימפּעריע 1904 – בוענאָס־איירעס, אַרגענטינע 1987)
קאָמפּאָזיטאָר	חנה מלאָטעק (Chana Mlotek)
	(ניו־יאָרק, פֿאַראייניקטע שטאַטן 1922 – ניו־יאָרק, פֿאַראייניקטע שטאַטן 2013)
זינגערס	**Children's Chorus of Workmen's Circle Schools**
רעקאָרדירונג	1974, פֿאַראייניקטע שטאַטן

The traditional greetings for the Jewish New Year form the main material of this children's tune, found in 1972's Yontevdike teg *(Festival Days), a compilation of Yiddish songs to sing on Jewish holidays.* **Chana Mlotek***, a dedicated researcher and collector of Jewish music, was dubbed by celebrated writer Isaac Bashevis Singer the "Sherlock Holmes of Yiddish song." The lyricist,* **Shmuel Tsesler***, is known for his children's poetry. This recording features the Children's Chorus of Workmen's Circle Schools, arranged and directed by Zalmen Mlotek. Mlotek is currently the Artistic Director of The National Yiddish Theater-Folksbiene.*

Listen to the song once through without looking at the lyrics. Then listen again and follow along with the text below, filling in any missing words or phrases.

2 מאָל	מיר באַגריסן	
	הויך און קלאָר:	
	לשנה־טובֿה —	
	! ___________	
	מיר באַגריסן און מיר **ווינטשן**,	wish
	אַלע קינדער, הויך און ___________ :	
2 מאָל	לשנה טובֿה תּכּתבֿו!	
	אַ גוט יאָר! ___________ !	
2 מאָל	טאַטעס, ___________ ,	
	דעם **גאַנצן דור**:	entire; generation [דאָר]
	לשנה־טובֿה —	
	! ___________	
	טאַטעס, ___________ , **שוועסטער**, ברידער,	sisters
	קרובֿים, פֿרײַנד, ___________ :	relatives [קרויוים]
2 מאָל	___________ **כּל־ישׂראל** —	*all Jews* [קאָל־ייִסראָעל]
	אַ גוט יאָר! ___________!	
2 מאָל	אַ גוט יאָר! אַ גוט יאָר!	

◄ CONTINUED

CONTINUED

Now it's time to extend your own new year's wishes to *your* family and friends! Examine the list below and decide whom to wish a happy new year.

1. קינד
2. שוועסטער
3. ברודער
4. דאָקטער(שע)
5. פֿרײַנד
6. לערער(ין)

קולטור
CULTURE

לשנה טובֿה תּכּתבֿו

Often, this greeting is expanded to **לשנה טובֿה תּכּתבֿו ותּחתמו** (*may you be inscribed* ***and sealed*** *for a good year* [ווּעסעכאָסיימו]). This wish refers to the *seyfer-hakhaim*, the Book of Life, in which God is said to record the Jews' deeds and grant another year of living to those deemed worthy. It is said that God opens this ledger on Rosh Hashanah, writes in it in the days following, and seals it on Yom Kippur.

שרײַבט אָן עטלעכע זאַצן, ווו איר באַגריסט די מענטשן פֿון דער ליסטע, לויט דער דוגמא.

- ניצט אַלע באַגריסונגען וואָס איר קענט.

דוגמא:

לשנה טובֿה תּכּתבֿו, מאַלי, מײַן שוועסטער!

אין קלאַס

Ask your classmates whom their new year's wishes are for, as in the model below. Try to find one classmate who is wishing a happy new year to each of the six types of people listed.

- If a classmate answers yes to one of your questions, write their name next to that person on the list.
- You may then ask that classmate whether they'd like to wish a good year to another person on the list.

דוגמא:

א:	**וועמען** ווינטשסטו לשנה־טובֿה?
ב:	איך ווינטש מײַן ברודער לשנה־טובֿה.
א:	ווי הייסט דײַן ברודער?
ב:	ער הייסט גבֿריאל.
א:	דו ווינטשסט אויך דײַן שוועסטער אַ גוט־יאָר?
ב:	ניין, איך האָב נישט קיין שוועסטער.

whom

[גאַווריִעל]

טיטל **„תּחינה נאָך כּפּרות שלאָגן“** (פֿראַגמענט)
פֿון „אַ נײַע ש״ס תּחינה רבֿ פּנינים“ (1916)

Tkhines (**תּחינות**) *are personal prayers, generally in Yiddish, and usually recited (and often written) by women. Books containing* tkhines *constituted one of the most popular Yiddish literary genres among women, and they contain prayers meant for all manner of occasions: for a bride to intone before she makes her way to the* khupe*; for mothers who have bad luck with their children; for saying over burning coals, to ward off the evil eye; for plain everyday religious observance; and many to recite on holidays—like this one, intended to be said on the eve of Yom Kippur, after performing the ritual of* shlogn kapores (**כּפּרות**).

קולטור
CULTURE

[טכינע] איידער איר לייענט די תּחינה, קוקט אויף די לשנה־טובֿהס אונטן און ענטפֿערט אויף די פֿראַגעס וועגן זיי.

1. וואָס **קויפֿן** די פֿרויען? — buy
2. דער פֿאָטער שלאָגט כּפּרות. וואָס האַלט ער אין דער רעכטער האַנט? — [קאַפּאָרעס]
3. דער פֿאָטער **וויל**, ער און זײַן קינד **זאָלן לעבן** לאַנגע יאָרן. אָבער דער האָן — ער לעבט לאַנגע יאָרן, אָדער ער גייט צום **טויט**? — wants; may; live; death



אַצינד	איצט
האָן (הענער)	rooster
הון (הינער)	hen

NOTE:

Traditionally, men perform the ritual with a rooster, while women do so with a hen.

◀ CONTINUED

Read the *tkhine* once through. Don't worry about words or phrases you don't understand—you will still be able to complete the exercise. As you read, try to gain a sense of the basic purpose and tone of this prayer.

קולטור
CULTURE

- Consider the connection between the *tkhine* and the ceremony pictured above (as well as the inscribed wish). How does the chicken function to expunge the sins of the people enacting the ritual? Whom does the chicken stand in for in its untimely demise?

(די תּחינה זאָגט מען ערבֿ־יום־כּיפּור אין דער פֿרי
איידער מען דאַוונט ווען מען האָט כּפּרות געשלאָגן.)

פֿאַרגיב[1] מיר מײַן פֿאָטער וואָס דו ביסט אַ בעל־הרחמים[2],
אויב איך **האָב געטאָן**[3] אַזאַ עבֿירה[4] וואָס איך בין **דערויף**[5]
חייבֿ־כּרת[6], דאָס הייסט, **פֿאַרשניטענע**[7] יאָרן,
זאָל גערעכנט זײַן[8], דאָס וואָס איך האָב פֿאַרשניטן די יאָרן פֿון
מײַן כּפּרה, גלײַך ווי עס **וואָלט** פֿאַרשניטן **געוואָרן**[9] מײַנע
יאָרן, סײַ כּרת **בידי־אדם**[10] און סײַ כּרת בידי־**שמים**[11], און
זאָלסט **מציל זײַן**[12] מיך און מײַן מאַן און מײַנע קינדערלעך
פֿון אַ יונגן טויט און פֿון פֿאַרשניטענע יאָרן. מיר זאָלן
זיך עלטערן[13] אין עושר[14] און אין כּבֿוד[15] ביז הונדערט יאָר.

[1]forgive; [2][באַל־האָראַכאָמים]
[3]*have done*; [4]sin [אַווייִרע]; [5]for it
[6]condemned to death [כײַעװ־קאָרעס]; [7]cut short
[8]*let it be taken into account*
[9]*would have been*
[10]brought by man [בידײ־אָדעם]; [11]heaven [שאָמײַם]
[12]*save* [מאַצל]
[13]*grow old*; [14]prosperity [אױשער]; [15]honor [קאָווער]

Reconstruct the logical structure of the *tkhine* by matching each of the following half sentences to its completion.

____ 1. אפֿשר האָב איך געטאָן אַן עבֿירה,

____ 2. אָבער איך האָב פֿאַרשניטן די יאָרן פֿון מײַן כּפּרה,

____ 3. טאָ, רעכן אַרײַן דעם פֿאַקט אַז איך האָב געשלאָגן כּפּרות,

____ 4. זאָלסט אויך מציל זײַן מײַן פֿאַמיליע,

א. אַזוי אַז זי זאָל שטאַרבן אַנשטאָט מיר.

ב. און פֿאַרגיב מיר פֿאַר דער היפּאָטעטישער עבֿירה.

ג. אַזוי אַז מיר זאָלן אַלע לעבן לאַנגע יאָרן אין געזונט און פֿרייד.

ד. וואָס איבער איר קומט מיר צו האָבן פֿאַרשניטענע יאָרן.

ימים־נוראָים
THE DAYS OF AWE

nouns	**סובסטאַנטיװן**
Rosh Hashanah greeting card	די לשנה־טובֿה (–ות) [לעשאָנע־טױװע (ס)]
commandment; good deed	די מיצווה (מיצוות) [מיצװע (ס)]
(women's) personal prayer	די תּחינה (–ות) [טכינע (ס)]
death	דער טויט (ן)
holiday	דער יום־טובֿ (ים) [יאָנטעװ (יאָנטױװים)]
Yom Kippur ("day of atonement")	דער יום־כּיפּור [יאָם־קיפּער]
prayer book for the Days of Awe	דער מחזור (ים) [מאַכזער (מאַכזױרים)]
person	דער מענטש (ן)
Rosh Hashanah ("head of the year")	דער ראָש־השנה [ראָשעשאָנע]
ram's horn blown during the Days of Awe	דער שופֿר (ות) [שױפֿער (שױפֿרעס)]
feeling	דאָס געפֿיל (ן)
voice	דאָס קול (ות) [קאָל (קױלעס)]
the Days of Awe (Rosh Hashanah through Yom Kippur)	די ימים־נוראָים [יאָמים־נעראָיִם]
adjectives	**אַדיעקטיװן**
dear	טײַער
serious	ערנסט
verbs	**װערבן**
to make up, reconcile	איבערבעטן זיך
to greet	באַגריסן
to blow shofar	בלאָזן שופֿר
to pray	דאַװנען
to perform a ritual in which sins are transferred onto a live chicken by swinging it around one's head	שלאָגן כּפּרות [קאַפּאָרעס]
useful expressions	**נוציקע אױסדרוקן**
during (in reference to Jewish holidays)	אום
happy holiday!	גוט יום־טובֿ! [יאָנטעװ]
may you be inscribed (and sealed) for a good year!	לשנה טובֿה תּכּתבֿו (ותּחתמו)! [לעשאָנע טױװע טיקאָסײװו (װעסעכאָסײמו)]

די זינד (—); דאָס באַגריס־קאַרטל (עך); הײליק; װינטשן; דאָס יאָר (ן); דער נײַאָר; קלאָר